# קוני עולם

## א וועלט פון גוטע מדות




BIDRACHOV
Elementary School Division of
Chofetz Chaim Heritage Foundation
732.905.9909

והלכת בדרכיו

# מיר רייזן ארום די וועלט מיט ערשט-קלאסיגע מדות

## קוני עולם



# קוני עולם

א וועלט פון גוטע מדות

## **ציייטפלאן**

| | דאטום | וואך | עצה אויפ'ן וועג | ציל/סטיקער | פארמעסטן |
|---|---|---|---|---|---|
| **ענווה** פראנקרייך | | 1 | שפרינג ארויס פון בעט און<br>זאג מודה אני מיט שמחה | שטראסבורג | |
| | | 2 | זיי פארזיכטיג מיט א צווייטן'ס צייט | פראנצויזישע<br>וויין | יא |
| | | 3 | מאך א נאך-ברכה גלייך נאכ'ן עסן | טרויש-רש"י | יא |
| | | 4 | ענטפער גלייך ווען דיינע עלטערן רופן | אייפל טורעם | |
| **אמת** ענגלאנד | | 5 | הקב"ה זעט אלעס; נאר קיינעם נישט אפ | לאנדאן | |
| | | 6 | זיי מודה אויב דו טוסט עפעס נישט ריכטיג | צוויי-שטאקיגע<br>באס | |
| | | 7 | בלאז נישט אויף די מעשה; זאג עס פונקטליך | שאצער רבי זי"ע | יא |
| | | 8 | זע צוריקצוגעבן עפעס וואס באלאנגט נישט<br>צו דיר | ביג בען | |
| **סבלנות** קאנאדע | | 9 |ווארט געדולדיג אויף דיין רייע | אטאווע | |
| | | 10 | הייב אויף דיין האנט אין קלאס מיט געדולד | ביבער | |
| | | 11 | זאג ברכת המזון מיט געדולד און כונה | טאראנטא | יא |
| | | 12 | האלט זיך רואיג ווען עפעס גייט נישט וויאזוי<br>דו האסט געוואלט | ניאגארא וואסערפאל | |
| **חסד** אמעריקע | | 13 | פרעג איינער פון דיינע עלטערן אדער<br>געשוויסטער מיט וואס דו קענסט זיי<br>העלפן | וואשינגטאן | יא |
| | | 14 | טו א חסד נאך איידער מען בעט דיר | אמעריקאנע דאלער | |
| | | 15 | זע איינצושליסן אינ'ם שמועס אדער שפיל<br>איינער וואס זעט אויס איינזאם | לייקוואוד - ב.מ.ג. | |
| | | 16 | טייל זיך מיט אנדערע | פרייהייט סטאטוא | |

# צייטפלאן

| מידה | דאטום | וואך | עצה אויפ'ן וועג | ציל/סטיקער | פארמעסטן |
|---|---|---|---|---|---|
| כיבוד הורים ומורים<br>אוסטראליא | | 17 | פאלג דיינע עלטערן גלייך | קאנבערע | יא |
| | | 18 | פאלג דיינע עלטערן אדער לערערין/רבי מיט א שמייכל | קאנגערו | |
| | | 19 | האלט זיך איין פון אריינהאקן ווען דיינע עלטערן אדער לערערין/רבי רעדן | מעלבורן | |
| | | 20 | בעט עפעס וואס דו ווילסט מיט דרך ארץ | שטיינער נעבן וואסער | |
| נושא בעול<br>רוסלאנד | | 21 | פרוביר ארויסצוהעלפן איינער וואס איז טרויעריג | מאסקאווע | יא |
| | | 22 | טראכט פון א חולה'ס צער און זאג תהלים פאר אים/איר | באבושקע דאל | |
| | | 23 | באזוך אדער רוף איינער וואס קען ניצן חיזוק | סיביר | |
| | | 24 | אויב איינער שפירט זיך אומאנגענעם, קוק נישט אויף אים און פרעג נישט איבריגע קשיות | טראנס-סיבירישע באן ליניע | |
| שמחה<br>כינע | | 25 | טו דיין ערב-פסח ארבעט מיט שמחה | ריזיגע פאנדא בער | |
| | | 26 | פרוביר צו זען די גוטע חלקים אין יעדע מצב | שאנכאי | |
| הכרת הטוב<br>ארץ ישראל | | 27 | אנערקען הקב"ה'ס חסדים: זאג ב"ה | ירושלים | |
| | | 28 | זאג ברכות מיט כוונה | שבעת המינים | יא |
| | | 29 | זאג אשר יצר מיט כוונה | צפת | |
| | | 30 | ווייז דיין הכרת הטוב פאר טובות וואס דיינע משפחה און פריינט טון פאר דיר | בית המקדש | |

# יוני'ס טאגבוך




א גוטן! מיין נאמען איז יוני. איך בין א געווענליכע אינגל, אזוי ווי אלע אינגלעך אין מיין קלאס. איך האב א טייערע משפחה און אסאך חברים און איך גלייך צו שפילן און פארברענגען. דער אמת איז אז איך שעם זיך אביסל צו זיין דא באשריבן אינ'ם בוך וואס איר וועט דא ליינען, אבער מען האט מיר געבעטן מיטצוטיילן מיט אייך אן אינטערעסאנטע טייל פון מיין לעבן. ווייסט איר וואס דאס איז? איך האב זייער ליב ארומצורייזן די וועלט! אסאך קינדער גלייכן צו זאמלען ביזנעס קארדס, און מיידלעך האבן ליב צו זאמלען סטיקערס, סערוועטלעך אדער שרייב-פאפיר. אנדערע קינדער גלייכן צו זינגען אדער מאלן. און איך האב ליב ארומצופארן די גאנצע וועלט און זען די אינטערעסאנטע זאכן וואס מען טרעפט אין ווייטע לענדער און שטעט.

אין אפאר טעג ארום וועל איך זיך אי"ה ארויסלאזן אויף א נייע רייזע. דאס מאל, וועסטו קענען מיטהאלטן מיט די אינטערעסאנטע רייזע און הנאה האבן יעדע מינוט! יעדע וואך וועל איך שיקן א פרישע בריוול פונ'ם לאנד וואו איך האלט אינמיטן באזוכן. אזוי וועלן אלע קינדער קענען פארברענגען אינאיינעם מיט מיר אין יעדע לאנד, און מיר וועלן באזוכן אלע אינטערעסאנטע פלעצער צוזאמען. עס וועט מיר זיין אזוי געשמאק צו וויסן אז נאך קינדער האלטן מיט מיין רייזע, און פאר דיר וועט זיין אינטערעסאנט צו באזוכן די אלע אינטערעסאנטע פלעצער, און צו דארפן פארן אזוי סאך.

פארוואס שטרענג איך זיך אן אזויפיל צו פארן? וועסטו אפשר פרעגן. דו פרעגסט טאקע א גוטע פראגע. פארוואס טאקע לויף איך ארום פון איין פלאץ צום צווייטן? פארוואס פאר איך אלעמאל אויף עראפלאנען? פארוואס לאז איך איבער מיין משפחה און חברים אין מיין היימלאנד, און פארוואס בין איך מוותר אויף מיין זיסע שלאף?

די פראגעס זענען זייער גוטע פראגעס, און איך האב



# קוני עולם

## מדות פראגראם

## ארײנפיר

טאקע א גוטע ענטפער. אבער – דער ענטפער איז א גרויסער סוד! איך וועל נישט אויסזאגן דעם סוד ביז'ן סוף פון מיין רייזע. דערווייל קען איך נאר זאגן איין זאך, אז דער ענטפער וועט דיר זיין אינטערעסאנט און עס וועט דיר מאכן שמייכלען. איין זאך מעגסטו אבער ויסן וועגן מיר, אז כאטש איך האב זייער ליב צו וויסן סודות, איז מיר שווער זיי צו האלטן... אפשר וועלן זיך פון צייט צו צייט ארויסגליטשן ווערטער וואס וועלן דיר העלפן אויסגעפינען דעם סוד. אזויפיל קען איך יא זאגן, אז איך פאר אויף א וויכטיגע שליחות, און איך האף אז איך וועל עס טאקע ריכטיג אויספירן.

און יעצט, גרייט זיך צו פאר די אינטערעסאנטע געשעענישן! מיר וועלן פארן צו אכט ווייטע לענדער, און מיר וועלן דארט באזוכן גאר אינטערעסאנטע פלעצער. נאך מער – מיר וועלן זיך איינקויפן אויף די וועגן אכט וויכטיגע מדות טובות און זיך אויסלערנען וויאזוי זיך צו פירן מיט די גוטע מדות אין אונזער לעבן. ווען מיר וועלן ענדיגן מיט די געש־מאקע רייזע, וועלן מיר ביידע האבן פולע רענצלעך מיט אינטערעסאנטע זאכן וואס מיר וועלן באקומען אין די אלע לענדער, און אויך פולע רענצלעך מיט טייערע מדות טובות וואס וועלן אונז העלפן דינען דעם הייליגן באשעפער.

נו, ביזטו גרייט? מיר האלטן זיך ביים ארויסלאזן אויף א וואונדערליכע רייזע, צו באזוכן דעם באשעפער'ס הערליכע וועלט. נו, געגאנגען!

מיט ליבשאפט,
יוני

# יוני'ס טאגבוך




## רייזע פלאן

**ציל: פראנקרייך**
**מידה: זריזות**
**וואך: דריי**
**אויפ'ן סדר היום: טרויש**

היינט בין איך געווען ספעציעל פארזיכטיג צו זיין גרייט אין צייט. איך האב זיך שוין געלערנט פון מיין טעות... איך האב נישט געוואלט פארפאסן די באן קיין טרויש. אין מיין טאש האב איך געהאט איינגעפאקט א געשמאקע מיטאג וואס מאדאם לעווי האט צוגעגרייט פאר מיר מיט אזויפיל הארץ.

איך האב גענומען א טעקסי צו די באן סטאנציע און געקויפט א בילעט (טיקעט). איך בין געווען אזוי נערוועז אז מיין מאגן האט זיך געדרייט! איך האב פרובירט זיך צו בארואיגן און טראכטן פון די פיל אינטערעסאנטע פלעצער וואס די באן וועט דורכפארן. איך האב אויך אנגעפאנגען צו עסן פון די געשמאקע טרויבן וואס מאדאם לעווי האט איינגעפאקט פאר מיר.

מיין רייזע קיין טרויש איז נישט געווען סתם צו פארברענגען די צייט. אין די שטאט טרויש איז דא זייער א הייליגע פלאץ. עס כאפט א טרייסל נאר צו טראכטן דערפון! צו קענט איר זיך פארשטעלן ווען'ס שול איך האלט ביים באזוכן? די שול פון רש"י הקדוש – דער גרויסער מפרש פון תורה שבכתב און תורה שבעל פה. דארט אין דעם שול וואו איך וועל זיין אין אפאר שעה ארום, איז דער גרויסער גאון און צדיק געזעצן און געלערנט און געשריבן. רש"י'ס פירוש האט נישט קיין איין איבריג ווארט, יעדע איינציגע אות האט א טיפן באדייט. יעדע אידיש קינד לערנט זיינע הייליגע ווערטער מיט ציטער און פארכט, און עס איז געדרוקט אין אלע חומשים.

רש"י הקדוש קומט פון טרויש, דער שטאט וואס איז מיט הונדערטער יארן צוריק געווען די הויפשטאט פון די אלטע פראנצויזישע וויינען. דער שטאט האט נאך א פארצייטישער אויסזען. ווען איך בין אראפ פון די באן און איך האב שפאצירט צווישן די אלטע, שמאלע און געדרייטע געסלעך, האב איך געקענט מיינען אז איך בין יעצט אין די צייטן פון רש"י. איך בין אריבערגעגאנגען אן אור-אלטע געביידע, און דערנאך א טאוול וואס האט זיך גערליינט: רו ברונאוועל. א שמאלע גאס האט זיך געדרייט צווישן עטליכע האלצערנע הייזער. אפאר פון זיי זענען געווען אלט און צובראכן און אפאר זענען געווען איבערגעבויט נייע. און דאן האט זיך מיין אטעם אפגעשטעלט. דארט, פאר מיינע אויגן, איז געשטאנען דער אלטער טרויש'ער שול! טויזנט יאר צוריק איז רש"י הקדוש געזעצן אין דעם שול און געלערנט תורה! איך האב געשפירט ווי איך ווער געצויגן אהין ווי מיט א מאגנעט, און א הייסע תפילה האט זיך ארויסגעריסן פון מיין הארץ: "באשעפער, איך בעט דיר! העלף מיר שטייגן אין לערנען! העלף מיר פארשטיין די הייליגע ווערטער פון רש"י און גיין אין זיינע וועגן!"

און דאן האב איך זיך געכאפט: איך בין געווען אזוי נערוועז פון פארן אז איך האב אינגאנצן פארגעסן צו מאכן א נאך-ברכה אויף די טרויבן! "אוי וויי," האב איך צאמגעקלאפט מיינע הענט מיט ווייטאג, "אזא שאד!"

### אן עצה אויפ'ן וועג

**"לייג נישט אפ אויף מארגן וואס דו קענסט טון היינט." דאס איז אן אלטער שפריכווארט וואס לערנט אונז אז אויב מען שטופט אפ צו טון עפעס, קען מען אסאך מאל אינגאנצן פארגעסן דערפון.**

**די וואך, זיי ספעציעל פארזיכטיג צו מאכן א נאך-ברכה גלייך נאכ'ן עסן. שטעל זיך נישט אויף פון דיין פלאץ איידער דו האסט געבענטשט!**

| אות | רש"י | אות | רש"י |
|---|---|---|---|
| א | א | נ | נ |
| ב | ב | ן | ן |
| ג | ג | ס | ס |
| ד | ד | ע | ע |
| ה | ה | פ | פ |
| ו | ו | ף | ף |
| ז | ז | צ | צ |
| ח | ח | ץ | ץ |
| ט | ט | ק | ק |

פראנקרייך
זריזות
וואך 3 פארמעסט

פארמעסט

# ברכה אחרונה
# פארמעסט

### מאנטאג
- ❑ ברכת המזון
- ❑ על המחי'ה
- ❑ בורא נפשות

### דינסטאג
- ❑ ברכת המזון
- ❑ על המחי'ה
- ❑ בורא נפשות

### מיטוואך
- ❑ ברכת המזון
- ❑ על המחי'ה
- ❑ בורא נפשות

- ❑ ברכת המזון
- ❑ על המחי'ה
- ❑ בורא נפשות

### פרייטאג
- ❑ ברכת המזון
- ❑ על המחי'ה
- ❑ בורא נפשות

## מאך זיכער צו מאכן א ברכה אחרונה!

יעדן טאג נאכ'ן עסן נאכטמאל, צייכן אן וועלכע ברכה אחרונה דו האסט געמאכט. סוף וואך וועט מען אי"ה צאמנעמען די צעטלעך.

פראנקרייך
זריזות
וואך 3 טאג 2

וועגווייזער

# זְרִיזִין מַקְדִימִין לְמִצְווֹת (פסחים ד')

***די וואס זענען פלינק כאפן אריין צו טון מצוות.***

## מאלן טאוול

והלכת בדרכיו






# דער טאטע כאפט אריין א מצוה

דערציילט דורך מרת רוחמה שיין, גענומען מיט רשות פון פעלדהיים פאבלישינג

דער טאטע איז אריינגעלאפן אין הויז, האלטענדיג אין האנט א אידישע אויסגאבע. "מאמי," האט ער אויסגערופן צו מיין מאמע. "קום שנעל!" די מאמע איז געקומען צו לויפן פון קיך, ווישנדיג אירע נאסע הענט אין איר פארטוך.

"קוק וואס עס שטייט דא!" האט דער טאטע געזאגט מיט פרייד. ער האט געליינט די ווערטער פונ'ם פאפיר: "דער גרויסער גאון דער ראש ישיבה פון קאמעניץ, פוילן, הרה"ג רבי ברוך בער ליבאוויטש שליט"א, און זיין איידעם, דער גאון הרב ראובן גראזאווסקי שליט"א, קומען אן היינט קיין ניו יארק. אסאך חשוב'ע מענטשן וועלן זיי אפוואַרטן ווען דער שיף וועט אנקומען 11:00 אינדערפרי. זיי וועלן איינשטיין ביים בראדוועי האטעל אויף סעקאנד עוועניו אין מאנהעטן."

דער טאטע האט א קוק געטון אויפ'ן גרויסן וואנט זייגער. "ס'איז שוין נאך דריי אזייגער! איך האב פארפאסט אפצוואוארטן דעם שיף!" ער האט אויסגעזען זייער אנטוישט.

"ס'איז גארנישט," האט די מאמע אים פרובירט צו בארואיגן. "איך בין זיכער אז אסאך מענטשן האבן זיי אפגעווארט, אפילו דו ביזט נישט אנגעקומען."

דער טאטע האט נישט געקענט אננעמען אירע ווערטער. "אוי, וויאזוי קענסטו אזוי רעדן? מיר האבן געהאט א גאלדענע געלעגנהייט איינצולאדענען די גרויסע רבנים זיי זאלן זיין אונזערע געסט דא ביי אונז אינדערהיים. א שאד אז איך האב פארפאסט די געלעגנהייט היינט אינדערפרי, אבער ס'איז נאך נישט צו שפעט. איך וועל שוין יעצט אריבערפארן צום האטעל און זיי איינלאדענען אהערצוקומען."

דער טאטע האט מיר באמערקט זיצן אין קיך, וואו איך האב געטרונקען מילך און געגעסן די מאמע'ס געשמאקע קוכן. "רוחמה," האט ער געזאגט, "נעם דיין מאנטל. מיר גייען זיך טרעפן מיט גרויסע צדיקים!"

איך האב אראפגעשלינגען די קוכן אין איין סעקונדע און געלאפן אנטון מיין מאנטל. "שנעל, ס'ווערט שפעט!" האט מיר דער טאטע געיאגט.

מיר זענען ארויסגעלאפן פון הויז און די מאמע האט אונז נאכגעשריגן, "זאל זיין מיט הצלחה!"

דער טאטע איז אראפגעפלויגן די שטיגן ווי א אינגל. איך האב אים קוים געקענט נאכלויפן. מיר זענען געלאפן אויפ'ן גאס צו כאפן דעם טראלי וואס וועט אונז פירן ביז'ן האטעל וואו די רבנים זענען איינגעשטאנען.

מיר זענען אראפ פונ'ם טראלי ארום צוויי גאסן ווייט פונ'ם האטעל. דער טאטע האט געשפאנט מיט גרויסע טריט. "טאטע," האב איך געסאפעט אן אטעם," דו לויפסט צו שנעל! איך קען נישט אזוי שנעל גיין!"

דער טאטע האט זיך אפגעשטעלט פאר א רגע. "רוחמה, ווען מ'גייט טון א מצוה מוז מען לויפן, ווייל אויב נישט קען די מצוה אוועקלויפן פון דיר."

איך האב אנגעכאפט מיין טאטע'ס האנט און אזוי זענען מיר געלאפן ביז'ן האטעל.

ווען מיר זענען אנגעקומען האבן מיר געזען א גרויסער עולם פון מענטשן ווארטן אינדרויסן. מיר האבן געהערט ווי זיי רעדן צווישן זיך, "דער ראש ישיבה נעמט קיינעם נישט אויף היינט. ער איז זייער מיד." א צווייטער האט געזאגט, "זיין צימער איז אויפ'ן צווייטן שטאק, אבער קיינער קען נישט אריינגיין."

"טאטע," האב איך געזאגט אנטוישט. "מיר וועלן זיי נישט קענען טרעפן! מען לאזט קיינעם נישט אריין."

דער טאטע האט נישט געענטפערט. ער האט זיך דורכגעשטופט צווישן דעם געדיכטן עולם, און איך האב זיך געשטופט נאך אים. ענדליך האבן מיר דערגרייכט דעם האטעל. מיר זענען אריינגעגאנגען און ארויפגעשפאנט צוויי שטאק. אויפ'ן צווייטן שטאק האבן מיר אנגעטראפן פיל מענטשן אינדרויסן פונ'ם ראש ישיבה'ס צימער.

דער טאטע האט געפרעגט איינער פון די מענטשן וואס זענען געשטאנען אינדרויסן ביים טיר צו ער קען אריינגיין

עפעס רעדן מיט'ן ראש ישיבה. "עס וועט נעמען בלויז אפאר מינוט," האט דער טאטע פארזיכערט.

"אנטשולדיגט, אבער קיינער קען היינט נישט אריינגיין. אפשר אויב איר וועט צוריקקומען מארגן וועט איר אים קענען זען."

פלוצלינג איז צוגעקומען א צווייטער מענטש, וואס האט צוגעהערט דעם שמועס, און ער האט געפרעגט, "וויאזוי הייסט איר?"

"הערמאן," האט דער טאטע געענטפערט.

"הערמאן? רבי יעקב יוסף הערמאן, דער גרויסער מכניס אורח?"

דער טאטע האט איידל געענטפערט, "איך בין הערמאן פון די איסט סייד."

באלד האט מען געעפנט פאר אונז דער טיר און מען האט אונז אריינגעלאזט. רבי ברוך בער איז געזעצן אויף א ווייכע בענקל. ער האט אויפגעהויבן זיינע הייליגע אויגן, און איך האב געקוקט אויף אים מיט פארכט. זיין צורה האט געשטראלט. רבי ראובן, זיין איידעם, האט אויך געקוקט אויף אונז. דער מענטש וואס האט אונז אריינגעפירט האט אויסגערופן, "רבי יעקב יוסף הערמאן איז דא."

דער טאטע האטווארעם באגריסט רבי ברוך בער און רבי ראובן. "איך בין געקומען אייך איינלאדענען צו מיר אין שטוב," האט ער געזאגט.

"אה, ברוך השם אז איר זענט געקומען! מיר האבן געווארט אויף אייך!" האט רבי ברוך בער געזאגט מיט פרייד.

"עס וועט אונז נעמען בלויז אפאר מינוט צו זיין גרייט," האט רבי ראובן צוגעלייגט. דעם טאטן'ס פנים האט געשטראלט פון שמחה.

אביסל שפעטער זענען מיר ארויס פונ'ם האטעל און זיך געווענדן צו די קארס וואס זענען געשטאנען אין פארנט פון האטעל. רבי ברוך בער, רבי ראובן, דער טאטע און איך זענען אריין אין איין קאר, צוזאמען מיט'ן דרייווער. דער קאר האט זיך באלד ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג, און גלייך הינטער אונז זענען געפארן נאך אפאר קארס.

אויפ'ן וועג, האט זיך דער טאטע אנטשולדיגט פאר אונזערע חשוב'ע געסט. "איך האב נישט געוואוסט אז איר דארפט היינט אנקומען. ווען איך וואלט געוואוסט וואלט איך אייך אפגעווארט ביים שיף. איך האב נאר פריער אויסגעפינען."

ווען מיר זענען אנגעקומען אהיים האט דער טאטע מיר אריינגעזאגט אין אויער, "רוחמה, די סעקונדע וואס די קאר שטעלט זיך אפ זאלסטו שנעל אריינלויפן און זאגן פאר די מאמע זי זאל אלעס צוגרייטן פאר די חשוב'ע געסט."

איך בין טאקע ארויפגעפלויגן די שטיגן און אריינגעלאפן דורכ'ן טיר, שרייענדיג, "מאמע, מאמע! זיי זענען דא! דער גרויסער צדיק, מיט זיין איידעם, און נאך אסאך אידן זענען דא! דער טאטע האט געזאגט מען זאל אלעס צוגרייטן!"

מיין מאמע'ס שמייכלדיגע פנים האט נאך מער אויפגעשטראלט. "וואס דער טאטע קען באווייזן, קען קיינער אין דער וועלט נישט טון!" האט זי שטאלץ געזאגט.

## שאלות

1. פארוואס איז רבי יעקב יוסף געווען אנטוישט ווען ער האט אויסגעפינען אז ער האט פארפאסט אפצוווארטן דעם שיף פון די גרויסע צדיקים?
2. וואס האט רבי יעקב יוסף ערקלערט פאר זיין טאכטער ווען זי האט געפרעגט פארוואס זיי דארפן אזוי שנעל לויפן איינצולאדענען די צדיקים?


גערענק צו בענטשן גלייך
נאכ'ן ענדיגן עסן,
שטעל זיך נישט אויף פון פלאץ,
כדי דו זאלסט נישט פארגעסן!



## מיין רייזע ביכל

**שאלות**

וויאזוי קען איך געדענקען צו בלייבן זיצן ביים טיש ביז נאכ'ן ענדיגן בענטשן?




# לערערינ'ס אנווייזונגען

## אן עצה אויפן וועג

"לייג נישט אפ אויף מארגן וואס דו קענסט טון היינט." דאס איז אן אלטער שפריכווארט וואס לערנט אונז אז אויב מען שטופט אפ צו טון עפעס, קען מען אסאך מאל אינגאנצן פארגעסן דערפון. די וואך, זיי ספעציעל פארזיכטיג צו מאכן א נאך-ברכה גלייך נאכ'ן עסן. שטעל זיך נישט אויף פון דיין פלאץ איידער דו האסט געבענטשט!

## וועגווייזער

**זְרִיזִין מַקְדִימִין לְמִצְוֹת** (פסחים ד')

"די וואס זענען פלינק כאפן אריין צו טון מצוות."

**פונקטן איבערצושמועסן:**

- ווען ס'איז צייט צו גיין שפילן אינדרויסן, גייסטו ארויס שטאטלעך אדער מיט שנעלע טריט? *איך לויף שנעל.*
- פארוואס לויפסטו? *ווייל איך בין פרייליך ארויסצוגיין שפילן.*
- וואס ווייזט דאס ווען איינער לויפט? *פרייד און ערווארטונג (excitement)*
- וויאזוי דארף מען טון א מצוה? *בזריזות*
- פארוואס? *ווייל דאס ווייזט אז מ'פריידט זיך צו טון די מצוה*
- לעצטע וואך האבן מיר געשמועסט אז ווען צייט גייט פארביי איז עס אוועקגעגאנגען אויף אייביג. ווען עס מאכט זיך א געלעגנהייט צו טון א מצוה, זאל מען עס אפלייגן אדער טון גלייך? *טון גלייך*
- ברענג ביישפילן פון מצוות וואס מען קען טון גלייך? *השבת אבידה, תפילת שחרית, ברכה אחרונה...א מענטש וואס איז בזריזות איז דער ערשטער צו טון מצוות, און ער טוט עס גלייך!*

## קוני עולם צייטשריפט

**דער טאטע כאפט אריין א מצוה**

**פראגן:**

1. פארוואס איז רבי יעקב יוסף געווען אנטוישט ווען ער האט אויסגעפינען אז ער האט פארפאסט אפצוווארטן דעם שיף פון די גרויסע צדיקים? *ער האט געוואלט איינלאדענען די צדיקים צו זיך אינדערהיים ביי די ערשטע געלעגנהייט.*
2. וואס האט רבי יעקב יוסף ערקלערט פאר זיין טאכטער ווען זי האט געפרעגט פארוואס זיי דארפן אזוי שנעל לויפן איינצולאדענען די צדיקים? *ווען מ'וויל טון א מצוה דארף מען זיך איילן, ווייל אויב נישט קען די מצוה אוועקלויפן.*

## אויספלוגן און באשעפטיגונגען

**טאצן:** (Placemats)

*אנווייזונגען:* די בייגעלייגטע בילד דארף ארויסגעדרוקט ווערן אויף הארטע פאפיר. די קינדער זאלן פארבן דעם בילד. א גוטע עצה איז עס איבערצודעקן אין פלאסטיק (לאמינירן – laminate) וואס דאס וועט ערמעגליכן מען זאל עס ניצן א לענגערע צייט ביים טיש.

## פארמעסט

**ברכה אחרונה פארמעסט:**

די קינדער זאלן אויפהענגען זייער טאוול ביי זיך אינדערהיים אין קיך. יעדן טאג נאך נאכטמאל ווען זיי מאכן א ברכה אחרונה, זאלן זיי אנצייכענען וועלכע נאך-ברכה זיי האבן געמאכט. סוף וואך זאלן זיי אריינגעבן די אויסגעפילטע צעטלעך.

## מיין רייזע ביכל

וויאזוי קען איך געדענקען צו בלייבן זיצן ביים טיש ביז נאכ'ן ענדיגן בענטשן?

קוני עולם

KONEI OLAM

*A World of First Class Middos*

Yiddish Program

# Registration Fax Back Form

Please complete and fax to: BiDrachov @ Chofetz Chaim Heritage - Lakewood
Fax: (732) 905-7943  Phone: (732) 905-9909

**School:** ______________________________ **Principal:**______________________

**Address:**__________________________**City:**____________**State:**_____**Zip:**______

**Phone:(____)**____________ **Fax:(____)**____________ **Email:** ____________________

**KONEI OLAM** *is a beautiful middos program, focusing on a specific middah each month.*

*The program uses fun and excitement to help students internalize the fundamental middos.*

*(Recommended for grades 3-4)*

❒ Please register our school in the **KONEI OLAM** Program

| Please fill out the form below: | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | **Item** | **Description** | **Cost** | **Quantity** | **Total Cost** |
| A | Curriculum | Loose-leaf binder with master copies of the daily program material (for first-time registrants only) | $200.00<br>**OR** | | |
| B | Registration | Yearly renewal fee | $50.00 | | |
| C | Teacher Binders* | **Additional** binder for each teacher | $10.00 per binder | | |
| D | Student Membership | Includes:<br>• Passports • Stickers<br>• Monthly incentives | $2.00 per student | | |
| | | | | Total: | |

Participating grade/s: __________________

Total number of participating students: ______________

❑ I agree to pay the fees listed above. Invoices will be sent when registration is complete.

❑ I agree to have our school name publicized with other Konei Olam schools.

Program Coordinator: ____________________________

Principal's Signature: ______________________ Date: _________

BIDRACHOV

Bidrachov is a division of The Chofetz Chaim Heritage Foundation

204 Clifton Ave. Suite B Lkwd. NJ 08701 ~ 732-905-9909 ~ FAX 732-905-7943

*proven beneficial; highly recommended - please note new low price!